**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19**

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19, און זי האט אויסגערעכנט די פונדאמענטאלע שריט וואס יעדער קען נעמען זיך צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון ויראלע אטעמען-ווירוס אינפעקציעס.

"אזוי ווי דער פרילינג הייבט זיך אן און ווארעמער וועטער קומט אן, מוזן ניו יארקער בלייבן וואכזאם און פארזעצן צו אויסנוצן אלע אוועילעבל מיטלען צו האלטן זיך, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ווערט געבוסטעוועט און בלייבט דערהיינטיגט וועגן וואקסין דאזעז, מאכט זיכער זיך צו טעסטן בעפאר זיך צוזאמקומען אדער רייזן, און אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט צו אייער דאקטאר איבער פאטענציאלע באהאנדלונג אפציעס."

גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען די געווענטליכע פארמיידונג מיטלען – אזוי ווי בלייבן דערהייטיגט מיט די וואקסינען און היטן אויף געהעריגע היגיענעצ– זיך צו באשיצן פון קאוויד-19. די גאווערנער זעצט אויך פאר צו שטופן ניו יארקער צו באקומען זייערע 'בייוועילענט' קאוויד-19 וואקסין בוּסטערס, וועלכע ארבעטן סיי קעגן די אריגינעלע סארט פון די ווירוס און סיי קעגן ווארינאנטן וועלכע דרייען זיך ארום.

צו מאכן אן אפּוינטמענט פאר א בוּסטער, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע פארמאסי, קאונטי העלט דעפּארטמענט אדער מיט א דאקטאר; באזוכן vaccines.gov; שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט זייער זיפּ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס.

די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט זעצט פאר מיט איר 12-וואכיגע קאוויד-19 קאמפיין אויף טעלעוויזיע, סאָושעל מידיע און אויף מוזיק/ווידעאו סערוויסעס צו מוטיגן ניו יארקער אין פארשידענע מעדיצינישע אומשטענדן צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון ווערן און זיך האלטן צייטליך מיט די רעקאמענדירטע 'בייוועילענט' בוּסטער צו פארמיידן ערנסטע קראנקהייט אדער טויט רחל. די מעדיצינישע אומשטענדן רעכענען אריין מענטשן וועלכע זענען 65 יאר אדער עלטער, טראגעדיג, איבערוואגיג, האבן צוקער קראנקהייט אדער ליידן פון א הארץ אדער לונגען קראנקהייט אדער מענטשן וועלכע האבן אן אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם.

פאר דער פעדעראלא רעגירונגס פלאנירטע אויסגאנג פאר דעם קאווי-19 פובליק העלט עמערדזשענסי אויףמאי 11, וועט ניו יארק סטעיטס קאוויד-19 וואקסין נייעס ווערן ארויסגעגעבן וואכנטליך אום

פרייטאגס ביז מ'באקומט ווייטערדיגע ידיעות. די לעצטע קאוויד-19 און וואקסין ציפערן וועלן ווייטער זיין פארעפנטליכט 24/7 אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס (Department of Health, DOH) נאכפאלגונג וועבזייטל.

דערצו, באטראכט די סטעיט העלט דעפארטמענט צו מאכן ענדערונגען ווי אזוי קאוויד ציפערן ווערן געזאמלט און באריכטעוועט, אין צוזאמענארבעט מיט לאקאלע העלט דעפארטמענטס און העלט קעיר פראָווײדערס, כדי צו פארגרינגערן די לאסט אויף פראָווײדערס און צו אויסנוצן אנדערע אינפארמאציע קוועלער צו פארזעצן מיט אירע מעגליכקייטן צו קענען נאכפאלגן די צושטאנד פון דער קראנקהייט און די יכולת פון די העלט קעיר סיסטעם. די אגענטור בלייבט פולשטענדיג איבערגעגעבן זיך צו אפרופן צו די סכנה פון קאוויד-19, און זי זעצט פאר צו מוטיגן ניו יארקער זיך צו באנוצן מיט די כלים וואס מיר האבן זיך צו באשיצן פון- און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג.

די וואכנטלעכע קאוויד-19 דאטע ווערט סומירט אונטן:

- **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 4.61
- **סך הכל פאזיטיווע פאלן אין די לאצטע 7 טעג** - 6,307
- **טעסט רעזולטאטן באריכטעט איבער די לעצטע 7 טעג** - 245,729
- **7 - טאג דורכשניטלעכע פאציענטן שפיטאליזירט** - 1,254
- **7- טאגיגע דורכשניטלעכע נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 158
- **7- טאגיגע דורכשניטלעכע פאציענטן אין ICU** - 134
- **7- טאגיגע דורכשניטלעכע פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע - -** 52
- **נייע טויטפעלער באריכטעט ביי העלטקעיר אינסטיטוציעס דורך HERDS איבער די לעצטע 7 טעג** - 63
- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט ביי העלטקעיר אינסטיטוציעס דורךHERDS איז** 62,142

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט דאטע סיסטעם איז א מקור פון דאטע פון ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או העלט וואס זאמעלט באשטעטיגטע דאטע וואס ווערן באריכטעוועט נאר דורך שפיטעלער, נוירסינג היימער און מושב זקנים אינסטיטוציעס.

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעוועט צו און געזאמלט דורך די CDC** - 74,356

די טעגליכע קאוויד-19 דערוייליגע טויט סערטיפיקאט דאטע וועלכע ווערן באריכטעוועט ביי דער דעפארטמענט או העלט און ניו יארק סיטי צו די CDC רעכענען אריין די וועלכע זענען געשטארבן אין סיי וועלכע ארט, ווי אויך שפיטעלער, נוירסינג היימער, מושב זקנים אינסטיטוציעס, אינדערהיים, אין האספיס קעיר אדער אין אנדערע פיקסירונגען.

- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן** - 43,906,012
- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן אין די לעצטע 7 טעג** - 25,906
- **פראצענט ניו יארקער 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 85.5%
- **פראצענט ניו יארקער וואס זענען 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** – 90.8%

- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און עלטער וועלכע זענען דערהיינטיגט מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 16.3%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 74.6%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 76.4%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וועלכע זענען דערהיינטיגט מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 6.6%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 40.2%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 41.1%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וועלכע זענען דערהיינטיגט מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 4.0%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 7.9%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר אלט וועלכע זענען דערהיינטיגט מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 7.9%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 76.5%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 80.9%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען דערהיינטיגט מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 14.1%

א יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון קעיסעס פער 100,000 פון דעם באפעלקערונג:

| **ראיאן** | **דאנערשטאג, מערץ 23, 2023** |
|---|---|
| Capital Region | 5.69 |
| Central New York | 7.48 |
| Finger Lakes | 8.48 |
| Long Island | 3.72 |
| Mid-Hudson | 4.61 |
| Mohawk Valley | 4.77 |
| New York City | 3.40 |
| North Country | 7.98 |
| Southern Tier | 6.70 |
| Western New York | 5.97 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **4.61** |

איבער די לעצטע 7 טעג האבן 6,307 ניו יארקער געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 אין ניו יארק סטעיט, ברענגנדיג דעם סך הכל צו 6,648,009.

ניו יארקער וואס זוכן צו באשטעלן וואקסין אפוינטמענטס פאר קינדער פון 5 ביז 11, ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייער קינד׳ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראלע קוואליפיצירטע העלט צענטערס, שטעטעלשע העלט צענטערס אדער אפטייקן וועלכע טוען מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דעם יארגאנג גרופע. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפּ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו די פייזער-בייאָוענטעק קאוויד-19 וואקסין, ווייבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.

די סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס וועבזייטל האט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס און נאך מקורות ספעציעל געמאכט פאר עלטערן און גאַרדיענס פון קינדער אין די עלטער.

**ראיאנישע וואקסינאציע דאטע לויט לאקאציע פון פּראָוויידער**

אנגעזאמעלטע סך הכל ניו יארקער וועלכע זענען וואקסינירט געווארן און באקומען די בוסטער,ביי גיאוגראפישן ראיאן:

| ראיאן | פארענדיגטע סעריעס | דערהיינטיגט |
|---|---|---|
| Capital Region | 911,073 | 228,698 |
| Central New York | 617,069 | 149,267 |
| Finger Lakes | 830,607 | 240,864 |
| Long Island | 2,025,616 | 377,688 |
| Mid-Hudson | 1,576,021 | 339,925 |
| Mohawk Valley | 312,080 | 69,880 |
| New York City | 7,483,392 | 1,011,896 |
| North Country | 285,611 | 69,880 |
| Southern Tier | 420,372 | 107,414 |
| Western New York | 914,570 | 230,927 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **15,376,411** | **2,819,862** |

די קאוויד-19 וואקסין נאכפאלגונג דעשבאורד ווערט פארעפנטליכט כדי צו אינפארמירן ניו יארקער איבער די פארטיילונג פון די קאוויד-19 וואקסין. די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט פאדערט אז וואקסינאציע פלעצער זאלן בעריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע אין פארלויף פון 24 שעה; די דעשבאורד ווערט טעגליך דערפרישט מיט די לעצטע וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע וועגן די סטעיט'ס וואקסינאציע באמיאונגען. ציפערן באריכטעט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט פון די NYSIIS און CIR זענען עטוואס אנדערש פון ציפערן באריכטעט צו די פעדעראלע רעגירונג — וואס רעכנט אריין דאזעס געגעבן דורך די פעדעראלע רעגירונג און אנדערע קליינע אונטערשיידן.ביידע ציפערן זענען אריינגערעכנט אין דעם איבערשטעטער אויסגאבע.

**וויכטיגע באמערקונג:** די היינטיגע רעפארט איז כולל דאטע פון פרייטאג, מערץ 17 ביז דאנערשטאג, מערץ 23.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן